# דער הייליגער טל חיים פון ליסקא

## – צו די יארצייט ט׳ אייר –

די וואך מיטוואך, ט׳ אייר, פאלט אויס די 104׳טע יארצייט פון כ״ק אדמו״ר הגה״ק ר׳ חיים פרידלאנדער מליסקא זצ״ל, בעל מחבר ספר ״טל חיים״, מגדולי הרבנים והאדמורי״ם אין אונגארן, וועלכער איז געווען דבוק בה׳ ובתורתו יומם ולילה.

די שטאט ליסקא איז היינט באקאנט אלס דאס וואוין ארט פון די גרויסע צדיקים הגה״ק רבי צבי הירש זצ״ל, במח״ס ״אך פרי תבואה״ און פון חתנו ממלא מקומו, בעל ״טל חיים״, און פון בנו ממלא מקומו בעל ״שערי הישר״, וועלכע האבן פון דארט משפיע געווען ממאורם פאר די טויזנטער אידן וועלכע זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצילם און נהנה זיין פון די גרויסע רבי״ס בעצה ותושי׳ וההדרכה בדרכי העבודה, און צו שעפן פון זייערע גדלות בתורה וואס די השפעה האט זיך אנגעזען אין גאנץ אונגארן.

### ליסקא

די שטאט ליסקא געפינט זיך געאגראפיש ביי די בערג פון טאקאי, בערך 3 שעה צו פארן פון בודאפעסט, וואס די באקאנטע טאקאי וויינען זענען געקומען פון די געגענט, און די ערשטע אידישע איינוואוינער פון ליסקא האבן זיך באשעפטיגט מיט האנדלען מיט די בארימטע וויינען.

אין יאר תקצ״ד האט די שטאט זוכה געווען אז דער ״אך פרי תבואה״ הגה״ק ר׳ צבי הירש זצ״ל האט זיך באזעצט אין די שטאט, און איז תיכף געווארן א צוציאונג קראפט פאר פילע אידישע משפחות וואס זענען געקומען פון פוילן און רוסלאנד, כדי צו האנדלען מיט די וויין, און זענען צוגעבינדן געווארן מיטן ליסקער רבי, הגה״ק בעל ״אך פרי תבואה״, וועלכער איז געווען באקאנט מיט זיין חכמה און פיקחות און זיינע פילע ידיעות בכל הענינים, האבן זיי זיך באזעצט אין ליסקא צו זיין נאענט און קענען נהנה זיין מאורו.

### בעל ״אך פרי תבואה״

דער בעל ״אך פרי תבואה״ איז געווען א תלמיד מובהק פון הגה״ק בעל ישמח משה מאיהעל זצ״ל, פון וועמען ער האט מקבל געווען זיינע הייליגע דרכים אין עבודת השי״ת, און ער האט זיך געפירט לויט אלע זיינע מנהגים. אזוי אויך איז ער געפארן צו פילע גדולי הדור, צווישן זיי הגה״ק מרוזין זצ״ל, הגה״ק ר׳ מאיר מפרעמישלאן זצ״ל, און הגה״ק דער ״שר שלום״ מבעלזא זצ״ל, הגה״ק ר׳ הירש מרימינוב זצ״ל, און ער האט אנגעהאלטן די געהויבענע נסיעות צו שעפן תורה ויראת שמים, אפילו נאכדעם ווי ער איז שוין אליין געזעסן אל כסא הרבנות אין ליסקא, ווען ער האט שוין געהאט א גרויסע עדה חסידים.

אויך האט דער ״אך פרי תבואה״ אנגעהאלטן גאר א נאנטע קשר מיט הגה״ק בעל דברי חיים מצאנז זצ״ל, צו וועמען ער איז געפארן צום ווייניגסטענס איינמאל אין יאר, און די נאענטע קשר צווישן די צוויי גרויסע צדיקים האט זיך אנגעזען ווען דער צאנזער רב זצ״ל האט אין די לעצטע יאר פון הגה״ק בעל ״אך פרי תבואה״ באפוילן די חסידים אז זיי זאלן זיך גיין ״געזעגענען״ מיט קוויטלעך ווען ער איז ארויס פונעם צאנזער רב׳ס שטוב, דער ״אך פרי תבואה״ האט אבער נישט געוואלט נעמען, נאך לאנגע הפצרות וואס די חסידים האבן זיך איינגעבעטן אז דער צאנזער רב האט זיי דאך געהייסן געבן די קוויטלעך, האט דער ״אך פרי תבואה״ מסכים געווען צו נעמען אינדרויסן פון די שטאט צאנז. איינינגע חדשים שפעטער ווען דער ליסקער רב איז נסתלק געווארן האבן די חסידים פארשטאנען די כוונה פון צאנזער רב.

די לעצטע יאר שבועות האט דער ״אך פרי תבואה״ באפוילן אז מ׳זאל געבן מפטיר פאר זיין איידעם הגה״ק ר׳ חיים פרידלאנדער זצ״ל, מחבר ״טל חיים״ וואו מען לייגט די מעשה המרכבה, אן עלי׳ וואס ער פלעגט שטענדיג נעמען פאר זיך אליין. עטליכע חדשים שפעטער אין חודש אב, האט מען פארשטאנען די הוראה פונעם ״אך פרי תבואה״ און מ׳האט אויפגענומען זיין גרויסן איידעם אלס ממלא מקומו וממשיך דרכו הקדושה.

### בעל ״טל חיים״

דער ״טל חיים״ איז געבוירן בשנת ת״ר, אין קליינווארדיין, צו זיין טאטן הגאון ר׳ משה פרידלאנדער זצ״ל, דיין ומו״ץ אין קליינווארדיין, וועלכער איז געווען מגזע גדולי החסד, דער 6׳טער דור פונעם מהרש״א, ב״ח, ט״ז, של״ה הקדוש, מהר״ל מפראג, און סמיכת חכמים, ועוד.

אויסער זיין גדלות בתורה, האט ער אריינגעלייגט א ספעציעלע עבודה בתפילה און האט דאס איינגעווארצלט אין זיינע קינדער פון גאר יונג. ער האט זיך געפירט צו ענטפערן אמן אינדערפרי אויף די ברכות השחר פון זיינע קינדער, און ווי דער ״טל חיים״ פלעגט זאגן: ס׳איז גוט פארן חינוך, עס לאזט א שטענדיגע רושם.

ווען דער ״טל חיים״ איז אלט געווען 6 יאר, בשנת תר״ו, איז זיין פאטער נפטר געווארן, און האט זיך מחזק געווען אלס יתום מיט שטענדיג לערנען בהתמדה נפלאה, און האט געטראפן זיין טרייסט אין זיינע יוגענט יארן נאר אין די תורה. דער ״טל חיים״ פלעגט זיך אויך אויסדריקן: קיין גמרא מיט תוס׳ האב איך נישט געלערנט פון מיין טאטע, אבער איך האב יא געלערנט ווי אזוי צוצוגיין צו די גמרא, און מיט וואס פארא דרך ארץ און ערנסטקייט מען דארף לערנען.

ער האט ממשיך געווען צו שטייגן און מחדש זיין שיינע חידושים, ווי מען געפינט זייער א סאך מאל אין זיינע ספרים וואו ער ברענגט צו ״מה שאמרתי בילדותי״. ער האט זיך בכלל נישט געקימערט צו וויסן די נייעס פון שטאט, און צו פארברענגען צייט, נאר האט זיך משלים געווען מיט א זעלטענע בקיאות אין רוב מקצועות התורה נאך פון זיינע יוגענט יארן.

### רבותיו

ווען דער ״טל חיים״ איז אלט געווארן 12 יאר, האט אים זיין מאמע געשיקט לערנען קיין קראלי, צו די ישיבה פון הגאון ר׳ מאיר פערלס זצ״ל אב״ד קראלי, וועלכער איז געווען א תלמיד פונעם חת״ם סופר זצ״ל, און איז געווען פון די אויסגערופענע רבנים מרביצי תורה אין אונגארן (עס זענען דא מערערע תשובות פון אים אין שו״ת חת״ם סופר, בית שערים, מאמר מרדכי, ועוד.) און האט אנגעפירט מיט אלע עניני הקהלה און די ישיבה אין קראלי, 60 יאר.

דער קראלער רב זצ״ל האט אנגענומען דעם ״טל חיים״ אין די ישיבה, אפילו ער איז נאכנישט געווען בר מצוה, נאכן מפלפל זיין מיט דעם 12 יעריגן יונגל, האט ער דעקענט דעם אוצר וואס ליגט פאר אים.

דער ״טל חיים״ האט אויסגענוצט די צייט צו שטייגן בתורה ובעבודה, עד כדי כך אז ביי די לעצטע פאסט טאג איידער ער איז געווארן מחוייב במצוות, האט ער נישט אויסגעפאסט ביז ער האט קודם מסיים געווען מסכת תענית!

זיין מאמע האט אים געבעטן ער זאל אהיימקומען צו זיין בר מצוה, אבער דער יונגער מתמיד האט זיך איינגעבעטן אז ער וויל נישט מפסיק זיין פון לימוד התורה און איז געבליבן אין ישיבה און האט קיינעם נישט איינגעמאלדן אז ער ווערט בקרוב בר מצוה.

זיין רבי הג״ר מאיר פערלס זצ״ל האט זיך אבער יא דערוואוסט דערפון, האט ער אים מכבד געווען אז דעם שב״ק פאר די בר מצוה זאל ער אויפטרעטן מיט א דרשה פאר די בחורים, אזוי ווי יעדע שב״ק האט א צווייטער בחור געגעבן א שיעור אינעם סוגיא וואס מ׳האט געלערנט.

דער ״טל חיים״ האט זיך צוגעגרייט א דרשה אין די סוגיא פון ״שבת לאו זמן תפילין״ און זיין רבי איז פערזענליך געקומען הערן די דרשה, א זאך וואס ער האט קיינמאל נישט געטאן פאר אנדערע תלמידים, וואס ער האט געזאגט כזקן ורגיל איבער א שעה צייט! ווען ער האט געענדיגט האט הג״ר מאיר פערלס אים געגעבן א קוש אויפן קאפ און געזאגט, ״איך בין זיכער אז ער וועט זיין פון די גדולי הדור״, און האט אים געוואונטשן אז ער זאל זוכה זיין צו מאכן א נחת רוח פארן בוכ״ע שטענדיג.

אין די פאלגענדע 8 יאר האט דער ״טל חיים״ זיך אריינגעווארפן זיינע רמ״ח אברים און שס״ה גידים אין די ים התורה, מיט אן אויסערגעווענליכע התמדה 18 שעה א טאג, זיך געפלאגט און געהארעוועט אין די הייליגע ווערטער פון די ראשונים, ביז ער איז צוגעקומען צו א קלארקייט אין די סוגיא. דארט אין די ישיבה האט ער אנגעקניפט א גאר נאענטע ידידות מיט אנדערע תלמידים וואס זענען שפעטער אויפגעוואקסן מרביצי תורה און מנהיגים ביים כלל ישראל, צווישן זיי, הרה״ק מטאהש זצ״ל, הגאון בעל בית שערים מאונגוואר זצ״ל, הגאון בעל וידבר משה מבאניאד זצ״ל, ועוד.

דער ״טל חיים״ האט זוכה געווען צו א גרויסע הערצה ביי זיין רבו מובהק, וועלכער האט אים שטארק געשעצט, און הנאה געהאט פון דעם חשוב׳ן מתמיד. ווען דער ״טל חיים״

(פארזעצונג אויף זייט 65)



דער ליסקער רבי שליט״א ביים ציון אין ליסקא




דער ציון פונעם טל חיים פון ליסקא

# דער הייליגער טל חיים פון ליסקא

## – צו די יארצייט ט' אייר –

(פארזעצונג פון זייט 64)

האט יארן שפעטער באזוכט ביים קראלער רב האט ער באפוילן אז מ'זאל צוגרייטן א סעודה און צינדן לעכט אזוי ווי ביי סעודת יו"ט. ווען דער "טל חיים" האט אמאל באזוכט אין קראלי נאך די פטירה פון זיין רבי'ן, האט ער אנגעוויזן פאר זיין זון דער בעל "שערי הישר" אויף זיין פלאץ אין ביהמ"ד און זיך צעוויינט: "דא האב איך געלערנט טאג און נאכט, דאס זענען געווען מיינע שענסטע יארן און מיין גרעסטע הנאה אויף דער וועלט".

דער "טל חיים" האט געהאט גרויס דרך ארץ און יראת הכבוד פאר זיין רבי'ן, אימת רבו איז געווען ניכר אויף אים. ווען ער האט גערעדט צו זיין רבי'ן איז ער געווען בלאס און האט געציטערט און איז שטענדיג ארויס פון זיין שטוב מיטן פנים צום רבי'ן.

### בצל גדולי הדור

דער "טל חיים" איז אויך געווען שטארק מקושר מיט הגה"ק רבי יושע מבעלזא זצ"ל, ער פלעגט זאגן אז דער בעלזער רב האט נאך אריינגעכאפט פון די פריערדיגע תלמידי בעש"ט, ובפרט האט ער שטענדיג ארויסגעברענגט די מדת האמת פונעם בעלזער רב זצ"ל, וואס האט קיינמאל נישט געחנפ'ט רבנים אז זיי זאלן ווערן נאכאמאל קומען, נאר האט דערווייטערט שקר און חנופה.

דער "שערי הישר" האט דערציילט, אז ווען זיין טאטע דער "טל חיים" איז געווען אין בעלזא ביי הרה"ק ר' יושע מבעלזא זצ"ל, און זיי האבן זיך איינגעשפארט א לענגערע צייט ביחידות, ווען זיין זון האט אים געפרעגט וואס ער האט עוסק געווען מיטן בעלזער רב זצ"ל, האט ער אים געזאגט: דאס איז טאקע די סיבה פארוואס דער בעזלער רב האט מיט מיר גערעדט, ער האט געוואוסט אז עס וועט בלייבן א סוד. דער בעלזער רב האט גערופן דעם "טל חיים" דער "אונגארישער ל"ר", און האט אפילו אויסגעמישט זיין טעלער מיט די טעלער פונעם "טל חיים" און דערנאך געטיילט שיריים.

### פרק האיש מקדש

ווען דער "טל חיים" איז געקומען אין די יארן פון שידוכים, האט מען גערעדט א סאך שיינע שידוכים, א סאך גבירים האבן געוואלט אריינכאפן דעם אויסטערלישן תלמיד חכם ומתמיד עצום, און האט זוכה געווען אריינצוקומען אין די הייליגע חשוב'ע שטוב פון הגה"ק בעל "אך פרי תבואה" פון ליסקא, וועלכער האט אים אויסגעקליבן אלס חתן פאר זיין דריטע טאכטער, הרבנית חי' שרה ע"ה. די חתונה איז פארגעקומען בערך שנת תר"כ.

דער "אך פרי תבואה" האט אים שטארק מקרב געווען און האט אויף אים אכטונג געגעבן אזוי ווי אויף אן אייגן קינד, אז ער זאל קענען לערנען בהתמדה און שטייגן במעלות התורה און אנגעזאגט די רביצין, אז זי זאל אכטונג געבן אז מ'זאל אים קיינמאל נישט מפסיק זיין פון לימוד התורה.

זיצענדיג סמוך על שלחן חותנו, איז ער געווארן א פייערדיגער חסיד און תלמיד פונעם "אך פרי תבואה", ער פלעגט אים שטענדיג אנרופן "דער הייליגער שווער". דער "טל חיים" האט מקבל געווען אלע מנהגים פונעם "אך פרי תבואה" און האט קיינמאל גארנישט משנה געווען (חוץ הנחת תפילין בנוסח ספרד, היות ער האט שוין אזוי געלייגט תפילין פריער). דער "טל חיים" פלעגט נאכזאגן אז ערב יום כיפור ביי די סעודת המפסקת פלעגט רינען טרערן פונעם "אך פרי תבואה" אריין אין די זופ. ער פלעגט זאגן אז פון ווען ער האט געגעסן ביי זיין הייליגן שווער האט ער נישט טועם געווען קיין טעם אין עסן און טרינקען!

### ביקש לישב בשלוה

דער "טל חיים" האט עוסק געווען אין זיין הייליגע עבודה, בקדושה ובטהרה, איז אבער מן השמים נגזר געווארן אז זיין רביצין איז ליידער יונג אוועקגעריסן געווארן פון די וועלט, איבערלאזענדיג דעם "טל חיים" מיט 3 קליינע קינדער יתומים. דער "אך פרי תבואה" האט אבער נישט געוואלט ארויסלאזן פון שטוב אזא אוצר, און דער "טל חיים" האט חתונה געהאט בזיווג שני מיט אן אייניקל פונעם "אך פרי תבואה", הרבנית מרים לאה ע"ה, די טאכטער פון הגה"צ המקובל ר' אברהם שווארץ זצ"ל, אן איידעם פונעם "אך פרי תבואה".

אין די גלילות פון ליסקא איז געווען א שטאט ערדא־בעניא, וואו עס האבן געוואוינט א סאך ליסקער חסידים, עס זענען געווען דארט א סאך בתי מדרשים, חסידים ואנשי מעשה, און זיי האבן בהסכמת רבם שטארק געבעטן דעם "טל חיים" אז ער זאל ווערן דער רב. דער "טל חיים" האט אבער עס נישט געוואלט אננעמען מיט די טענה אבער אז עס וועט אים גורם זיין צו ביטול תורה. די ראשי הקהילה האבן אבער נישט נאכגעלאזט און האבן שטארק מפציר געווען ביז ער האט מסכים געווען צו קומען אויף א פראבע, צו זען צי עס וועט אים שטערן פון לערנען.

דער "טל חיים" איז דארט געזעסן א גאנצן טאג מעוטף בטלית ותפילין, און ווען מ'האט יא געפרעגט שאלות ביינאכט, האט ער געפסק'נט קורץ און שארף די הלכה. נאך עטליכע חדשים האט ער מחליט געווען אז מ'שטערט אים פונעם לערנען, האט ער איבערגעלאזט דאס רבנות און האט זיך צוריקגעצויגן קיין ליסקא.

דער "אך פרי תבואה" האט אים ממנה געווען אלס דיין פון די שטאט ליסקא, און האט זיך געשטעלט צו די רעכטע האנט פון זיין שווער, און האט געפסק'נט אלע שאלות און אויך מסדר געווען גיטין. ווען ער האט אמאל שטארק געזוכט א היתר אויף א שאלה אויף אן עוף, און דער קצב האט געוואלט מחמיר זיין, האט דער "טל חיים" געזאגט, "דו קענסט מחמיר זיין, איך וויל אבער נישט האבן קיין דין תורה פארן בי"ד של מעלה מיטן עוף, פארוואס איך האב מחמיר געווען".

### ברבנות ליסקא

ווען דער "אך פרי תבואה" איז נתבקש געווארן לישיבה של מעלה, ביום י"ד אב, שנת תרל"ד, האבן די ליסקער חסידים פה אחד אויפגענומען זיין גרויסן איידעם דער "טל חיים" אלס ממלא מקומו וממשיך דרכו, טראץ זיין יונגען עלטער פון 34 יאר. דער "טל חיים" האט אנגענומען דעם כתר הרבנות האדמור"ת אבער איז בכלל נישט געווען פארמישט בעניני גשמיות, מ'האט נאר געקענט רעדן מיט אים בתורה ובעבודה. ווען א איד איז זיך געקומען אויסשמועסן עניני גשמיות האט ער אים בכלל נישט פארשטאנען, און האט שטענדיג צוריקגעענטפערט מיט מאמרי חז"ל אריינגייענדיג אין טיפזיניגע שאלות וואס קענען נוגע זיין דעם ענין גשמי וואס דער איד איז זיך געקומען דורכרעדן. ער האט זיך נאר פארשטאנען מיט יחידי סגולה, די בני עלי' וואס תורתם אומנתם. ער האט זיך צוריקגעהאלטן פון פארן אויף נסיעות מיטן אויסרייד אז תלמוד תורה כנגד כולם.

דער "טל חיים" איז געווען אריינגעטאן אין תורה ראשו ורובו, אז ער האט נישט געהאט קיין שום שייכות און ידיעות בהבלי עולם הזה, ווען א חסיד איז אריינגעקומען מיט א קוויטל און א פדיון און האט קודם ארויסגענומען פון טאש א בלויע מטבע, (וואס איז געווען ווערד ווייניגער) און האט עס שנעל איינגעטוישט מיט א רויטע מטבע, וועלכע איז מער ווערד געווען, האט אים דער "טל חיים" געפרעגט פארוואס ער האט דאס געטוישט, ווען דער חסיד האט אים מסביר געווען אז די רויטע מטבע איז מער ווערד, האט דער "טל חיים" זיך געוואונדערט אז ער פארשטייט נישט די רעגירונג, רויט איז דאך מדת הדין, און בלוי איז מדת הרחמים...

א צווייטער חסיד האט זיך געפירט צו געבן יעדן חודש א סכום געלט. איין חודש האט ער שנעער מצליח געווען האט ער געברענגט א גרעסערע מטבע. ווען ער איז ארויס האט דער "טל חיים" זיך געגומען מתפלל זיין אז ער מיינט אז ער איז נישט מצליח ווייל די מטבע זעט אויס אנדערש... נישט וויסענדיג אז דאס איז א גרעסערע מטבע.

### העמיד תלמידים

דער "טל חיים" האט נאכן איבערנעמען דעם שרביט ההנהגה מייסד געווען א ישיבה וואו ער האט מרביץ תורה געווען, און געלערנט מיט די בחורים כדרכו בקודש. דער טעגליכער שיעור האט זיך פארצויגן צווישן 2־3 שעה, וואו ער האט זיך מפלפל געווען כדרכה של תורה, מיט זיינע תלמידים וועלכע זענען געקומען גרייט צום שווער בקי אין די סוגיא, כדי מיטצוהאלטן מיטן טיפן שיעור.

ער האט טעגליך פארגעלערנט, אפילו בעצם יום כיפור צווישן איין תפילה און די אנדערע, האט ער פארגעלערנט אין דעם סדר קרבנות היום. אין די ווינטער טעג האט דער "טל חיים" געקענט ארויסגיין אן דעם פעלץ, רעדענדיג אין לערנען און נישט שפירן די קעלט!

דער "טל חיים" האט נאר אנגענומען בחורים פון די געגענט, אדער קינדער פון ליסקער חסידים, קיינמאל נישט מער ווי 50 תלמידים. צווישן די תלמידים טרעפט מען די בארימטע גאונים תופסי ישיבות ורבנים, ווי הגאונים ר' שלמה זלמן עהרנרייך אב"ד שאמלוי זצ"ל במח"ס לחם שלמה, ר' נפתלי הכהן שווארץ זצ"ל אב"ד מאד במח"ס בית נפתלי, ר' גרשון אברהם גאלדבערגער זצ"ל אב"ד בערציל במח"ס נחלת הגרשוני, ועוד.

### בקשרי גדולי דורו

דער "טל חיים" האט געלערנט מיט אן אויסערגעווענליכע התמדה און האט נישט געוואלט מפסיק זיין פון לערנען, און האט זיך נישט געלייגט שלאפן אין בעט משבת לשבת, נאר געהאלטן זיין פוס אין קאלט וואסער, און האט דעריבער כמעט נישט אויפגענומען קיין חסידים וועלכע האבן זיך געוואלט געזעגענען. ווען אן איינוואוינער פון ליסקא האט זיך געפונען אין מונקאטש, און איז געגאנגען צום דרכי תשובה, האט אים דער דרכי תשובה געפרעגט, פארוואס ער גייט נישט צום ליסקער רב? האט אים דער חסיד געענטפערט, אז דער ליסקער רב איז נישט מפסיק פון לערנען אויפצונעמען מענטשן און האלט זיך נישט ראוי צו געבן ברכות. האט דער דרכי תשובה אים באפוילן צו זאגן פארן ליסקער רב בשמו, אז ער זאל עפענען די טיר פאר אידן און אז ער קען זיין א פועל ישועות.

דער "טל חיים" האט אנגעהאלטן כל ימי חייו מיט זיין הייליגע עבודה בתורה, און זיין גאנצע הנהגה אלס רבי איז געווען מוקדש אך ורק נאר אויף רוחניות לימוד התורה, מרביץ תורה צו זיין פאר זיינע תלמידים, און האט זיך דערווייטערט פון אלע עניני גשמיות, נישט געוואלט פארן אויף נסיעות און נישט געזוכט צו פראווען חסידים מיט קוויטלעך.

טראץ דעם וואס דער "טל חיים" האט זיך אויסבאהאלטן האט ער זוכה געווען צו גרויס הערצה והערכה פון אלע גדולי דורו, ווי מ'קען זען אין די ווארעמע הסכמות צו זיינע ספרים "טל חיים" עה"ת און "טל חיים וברכה" על סוגיות הש"ס, ווי אלע גדולי הדור, זצ"ל, צווישן זיי הגאון ר' יצחק שמעלקיש אב"ד לעמבערג, בעל אהבת ישראל מוויזניץ, בעל דרכי תשובה ממונקאטש, רבי יחזקאל פאנעט מדעעש, בעל מהרש"ם מבערזשאן, בעל יד יצחק מטאלטשווא, רבי יודא גרינוואלד אב"ד סאטמאר, ועוד, דריקן זיך אויס מיט גאר ווארעמע הסכמות.

דער מאדער רב בעל לבושי מרדכי זצ"ל שרייבט אויף אים "צדיק יסוד עולם", אויך שרייבט ער אויף אים "ושמעתי שיחתו אותו צדיק והייתי משתאה לו על עומק דבריו הקדושים". דער ערוגת הבושם מחוסט שרייבט אויף אים, "וגם אני זכיתי להיות ממיודעיו". דער מאטעסדארפער רב הגה"צ ר' שמואל ערנפעלד זצ"ל פלעגט נאכזאגן אז זיין טאטע הגה"ק ר' שמחה בונם ממאטעסדארף בעל מענה שמחה, פלעגט טעגליך נאכזאגן ביי זיינע שיעורים חידושים פונעם "טל חיים", אזוי אויך ווען דער "טל חיים" איז געווען באזוכן ביי אים, האט אים דער מאטעסדארפער ארויסבאגלייט צוזאמען מיט אלע זיינע תלמידים מיט גרויס כבוד.

### דרכו בקודש

ווען איינער פון די וויין־מאכער פון די געגענט טאקאי האט אים דערציילט פארשידענע נייע וועגן פון פלאנצן טרויבן, האט דער "טל חיים" תיכף געענטפערט: קוק אין ירושלמי מס' שבועות, אין דעם פירוש הר"ש משאנץ, וועסטו געפינען דארט אלץ וואס דו זאגסט און נאך מער. וכך הוה, ער האט שיין מצליח געווען.

ווען ער האט אמאל געוואונטשן א קינד אז ער זאל זיין א גאון און א צדיק, האט דער טאטע זיך אנגערופן: ס'איז מיר גענוג אז ער זאל נאר זיין א צדיק, האט דער "טל חיים" געענטפערט, "נאר דורך גאונות קען מען זיין אן אמת'דיגער צדיק".

אויך אין קבלה האט דער "טל חיים" געהאט א סך ידיעות וואס ער האט א סאך עוסק געווען מיט זיין שוואגער הגה"צ ר' יוזפא גאלדבערגער זצ"ל, און אויך מיט זיין שוואגער־שווער המקובל ר' אברהם שווארץ זצ"ל האט ער א סאך עוסק געווען, אפילו ביים טיש האבן זיי זיך א סאך מרמז געווען. אין זיינע ספרים טרעפט מען טאקע מערערע מאל טיפע דברי קבלה.

הרה"ק ר' יעקב משה מקאמארנא זצ"ל האט געזאגט פארן "טל חיים", "איך ווייס קלאר וואס דו טוסט, פון מיר קענסטו דיך נישט באהאלטן". האט אים דער "טל חיים" געענטפערט, "נו, זאג מיר וואס דו זעסט..."

### אשכבתי' דרבי

אין יאר תרס"ד, ווען דער מצב אין אונגארן איז פארשארפט געווארן, און זיי האבן געוואלט גוזר זיין אז אידן זאלן מוזן אויפגעבן אלע זייערע נכסים, און נאך גזירות, האט מען געזען ווי דער "טל חיים" האט מתפלל געווען מבטל צו זיין די גזירות אויף כלל ישראל, און גענומען אויף זיך צו זיין דער קרבן ציבור. א וואך שפעטער האט זיך דער "טל חיים" דערשטיקט ל"ע עסענדיג פיש, און די גזירות זענען בטל געווארן.

ביי זיין לוי' האט דער טאלטאשווער רב הגאון ר' אברהם יצחק גליק זצ"ל בעל יד יצחק געזאגט, "אנדערע האבן געהאלטן דעם ליסקער רב פאר א בטלן, איך זאג אז מיר זענען געווען בטלנים, ער האט געקענט מתיר זיין עגונות מיט א תוספות".

ווען מ'האט געוואלט לייגן דעם "טל חיים" אינדרויסן נעבן דעם אוהל פון זיין שווער, ווייל ס'איז נישט געווען קיין פלאץ אינעווייניג, איז זיין זון וממלא מקומו הגה"ק ר' צבי הירש מחבר ספר "אמרי הישר", געגאנגען מיט א מנין בעטן מחילה פונעם "אך פרי תבואה" אז מ'לייגט אים נישט נעבן אים, אבער ס'איז געווען א פלא, אז מ'האט געפונען אז די וואנט האט זיך ביסל געריקט פונקט גענוג פלאץ אז מ'זאל קענען לייגן דעם "טל חיים" נעבן זיין גרויסן שווער דער בעל "אך פרי תבואה".

### בית צדיקים תעמוד

די חסידים האבן דערנאך אויפגענומען זיין אויבנדערמאנטן זון הרה"ק ר' צבי הירש זצ"ל אלס ממלא מקומו, וועלכער איז געווען א גאון עצום, און אזוי ווי ער האט געזען ביי זיין טאטען, האט ער משים געווען לילות כימים לערנענדיג תורה, און האט געשריבן 30 ספרים. נאר איין ספר "שערי הישר" אויף תהלים איז איבערגעבליבן. ער איז ליידער אומגעקומען עקדה"ש ביי די צווייטע וועלט מלחמה, הי"ד, צוזאמען מיט רוב בני משפחתו.

נאך די מלחמה האט זיין זון האדמו"ר הרה"צ ר' יוזפא פרידלאנדער זצ"ל מחבר ספר "צבי וחמיד" ממשיך געווען בית אבותיו אין בארא פארק, וואו ער האט אויפגעשטעלט דעם שיינעם ביהמ"ד לתורה ולתפילה, "עטרת צבי מ'ליסקא", און האט ממשיך געווען בדרכי אבותיו הקדושים, ביז ער איז נפטר געווארן כ"ט שבט שנת תשל"א.

לאחר פטירתו האט מען מכתיר געווען בנו ממלא מקום אבותיו הקדושים האדמו"ר ר' צבי הירש פרידלאנדער שליט"א, מחבר ספר "חמדי צבי" על סוגיות הש"ס, וועלכער איז ממשיך ברוב עוז והדר אין זייערע הייליגע דרכים באדמור"ת ליסקא.

ווער עס האט אינפארמאציע, בריוו, בילדער, עובדות פון בית ליסקא, זאל זיך ביטע פארבינדן מיט מכון אור הישר, הרב ישראל פרידלאנדער:

4910 17th Av. Apt. 6-A
Brooklyn, NY 11204
718-438-5950

* * * * *




שער בלאט פון ספה"ק טל חיים